אידישע נייעס פון אידישען לאנד

(פובליסיטי דעפארטמענט פון דער קענעדער ציוניסטישער פעדעראציע)

אידיש געלט.

דער דירעקטאר פון וויענער שטאדט טעאטער הער סטופעל, וועלכער האט א שטיק צייט פארבראכט אין אדעס און זיך לעצטענס צוריק געקעהרט קיין ווינא, האט דארט דערצעהלט אז פון אדעס געהען יעדען טאג אוועק שיפען מיט אידישע פאסאזשירען קיין ארץ ישראל.

ער האט אויך דערצעהלט אז קיין אדעס איז געבראכט געווארען פון טערקיי אידיש געלט, געדרוקט אין העברעאיש, אראביש און ענגליש, אויף די באנקנאטען איז דא אן אונטערשריפט אז פאר זיי גאראנטירט די באנק פון די ברידער ראטשילדס אין לאנדאן. די אידאשע פונטען שטעהען אויף דער בערזע טייערער ווי די ענגלישע צוליעב דעם וואס זיי זיינען גאראנטירט פון דער פירמע ראטשילד.

ציוניזם אין דמשק

די ציוניסטישע קאמיסיע האט אין דמשק געעפענט א פרייע קיך, וואו הונדערט אידישע קינדער קריגען טעגליך אומזיסטע מיטאגען.

אין גיכען וועט אין דמשק אנהויבען ערשיינען א אידישע צייטונג אין דער אראבישער שפראך מיט'ן צוועק צו פארשפרייטען דארט די ציוניסטישע באוועגונג און ברענגען א דערנעהענטערונג צווישען די אראבישע אידען מיט זייערע ברידער פון איראפא און אמעריקא.

אן אפיציעלער וויזיט

קאלאנעל סטארס האט אפגעשטאט א וויזיט אין דער רעדאקציע פון דער העברעאישער טעגליכער צייטונג „דואר היום“ וועלכע ווערט רעדאגירט פון אליעזר בן יהודה און זיין זוהן איתמר בן־אבי. דער קאלאנעל האט דער צייטונג געוואונשען ערפאלג.

אין גיכען הויבט די צייטונג אן ארויסצוגעבען אן ענגלישע ביילאגע און שפעטער אויך אן אראבישע ביילאגע.

אימיגראציאנס קאמיטעט אין ירושלים.

אין ירושלים איז געגרינדעט געווארען אן אימיגראציאנס קאמיטעט וועלכער האט זיך געשטעלט דעם צוועק צו באזארגען די אימיגראנטען מיט אלעס נויטיגע. אן אפטיילונג פון אימיגראציאנס קאמיטעט איז אויך געגרינדעט געווארען אין יפו.

אזא קאמיטעט איז פון גרויסער וויכטיגקייט סיי פאר'ן לאנד און סיי, פארשטעהט זיך, פאר די אימיגראנטען, וועלכע קומען אין וואס ווייטער אין גרעסערע צאהלען.

דער קאמיטעט וועט שפעטער נאך פיעל מעהר פארגרעסערען זיין טעטיגקייט. אן דער שפיץ פון דעם קאמיטעט שטעהען פאראנטווארטליכע כלל טהוער פון ארץ ישראל.

די ספרדישע יוגענד.

די ספרדישע יוגענד אין טבריה האט געגרינדעט א קלוב מיט דער אויפגאבע צו פארשפרייטען צווישען דעם יונגען ספרדישען דור דעם אידיש נאציאנאלען געדאנק און די העברעאישע שפראך.

די באציהונגען צווישען דער ספרדישער און אשכנזישער יוגענד זיינען די לעצטע צייט געווארען א סך ליעבליכער, ברודערליכער מיט דער העברעאישער שפראך אין מויל ווערען די פארשיעדענע טיילען פון אידענטום וועלכע זיינען פריהער געווען שפראכליך פארפרעמדעט ענג פארקניפּט און פארבונדען און אלע פריהעריגע אונטערשיעדען צווישען זיי ווערען פארשוואונדען.

ביים אנקומען אין ארץ ישראל

די ענגלישע אימיגראציאנס בעאמטע וועלכע אונטערזוכען די אימיגראנטען בעת ארויסשטייגען פון שיף אין יפו ווענדען זיך צו די אידישע אימיגראנטען מיט א באזונדערער העפליכקייט אין א שעהנער העברעאישער שפראך. אויך אלע אפיציעלע באקאנטמאכונגען פון דער בריטישער אקופאציאנס מאכט ווערען פארעפענטליכט צוגלייך אין העברעאיש. העברעאישע טעלעגראמען ווערען אנגענומען אין גאנצען לאנד.

א נייע גארטען שטאדט.

די הערען שיינקין און פאגעלזאהן ארבייטען אויס א גראנדיעזען פלאן: רייכער צו מאכען דעם אידישען ישוב מיט א נייער גרויסער און פראקטישער שטאדט. פארפלאנצט ארום מיט וועלדער נאהענט ביים ים. אויסערדעם וואס אזא שטאדט וועט זיין א צירונג פאר ארץ ישראל וועט'עס אויך שאפען ארבייט פאר טויזענדער אידישע ארבייטער.

א ארקעסטער פון קויטער משוגעים

דער אינטערעסאנטעסטע ארקעסטער אין ניו יארק, און פיליכט דער אינטערעסאנטעסטער אין גאנץ אמעריקא, איז דער ארקעסטער אין מאנהעטען סטייט האספיטאל, דער האספיטאל פאר משוגעים, וואס געפינט זיך אין וואַרד איילענד, ניו יארק, וויל ניט נור יעדער פון געעהרטען פובליקום וואס הערט דעם ארקעסטער שפיעלט איז משוגע, נאר אויך יעדער מוזיקאנט, פון קאפעלמייסטער ביז'ן בארבאנטשיק זיינען אלע משוגע.

מיט מעהר ווי צעהן יאהר צוריק האט דער סופּערינטענדענט פון משוגעים האספיטאל בעשלאסען צו פראבירען דורך מוזיק צו בערוהיגען די פאציענטען ווען זיי ווערען ווילד, און ער האט גלייך אויסגעפונען אז מוזיק איז א וויכטיגער בערוהיגונגס מיטעל פאר די משוגעים און עס טוט די אונגליקליכע אזוי פיעל גוטעס אז יעצט ווערט גאנץ אפט געגעבען א מוזיקאלישער קאנצערט פון און פאר משוגעים.

אזוי ווי מען האלט פערשיעדענע מעדיצינען אין משוגעים האספיטאל, אזוי האלט מען דארט יעצט אויך פאנאגראפס פיאנאס, פיאנאלאס, פידלען גיטארעס און אלע אנדערע אינסטרומענטען פריי פאר יעדען פאציענט צו געברויכען.

ווען עס קומט ארײן א נייער פאציענט אין משוגעים האספיטאל א מאן אדער א פרוי, ווערט מען גלייך געוואהר אויב זיי האבען פריהער געשפיעלט אויף אירגענד וועלכען אינסטרומענט, און מען שאפט פאר זיי באלד דעם אינסטרומענט אויף וועלכען זיי קענען שפיעלען דאן גיבען זיי א קאנצערט, א סארט עקזאמען, און אויב זייער שפיעלען געפעלט דעם יוניאן ארקעסטער פון די אלטע משוגעים נעהמט מען זיי אריין אין ארקעסטער און זיי זיינען פארזארגט מיט א סטעדי דזשאב. באצאהלט קריגען זיי אפילו דערפאר ניט אבער כבוד האט מען זיי פון אלע קאלעגען וואס קענען ניט שפיעלען ווי אמת'ע קינסטלער און מען איז זיי שטארק מקנא אויף זייערע טאלאנטען.

בעפאר מען האט איינגעפיהרט מוזיק אין האספיטאל פלעגען די מעלאנכאלישע משוגעים אבזיצען טעג, וואכען און מאנאטען און מען האט זיי זאגאר געקענט מיט הארמאטען שיסען, האבען זיי זיך פון ארט ניט גערוהרט, מיט קיין אויג קיין פינטעל ניט געטאן און מיט קיין גליעדער באוועגען, ריכטיג ווי זיי וואלטען זיין פון וואקס אדער פון האלץ.

באלד אבער ווי דער ארקעסטער הויבט אן שפיעלען, פאנגען דיזע מעלאנכאליקער אן צו ווערען לאנגזאם לעבעדיג, רוהטיג ווי א מין תחית המתים קומט פאר אין וואַרד. די וואס זיינען געזעסען וועגען מיט זייערע הענד, מיט זייערע עגען מיט זייערע הענד, מיט זייערע פיס און איינגע הויבען אן צו קלאפען מיט די פיס צום טאקט אנדערע הייבען אן פליעסקען מיט די הענד ווען עס איז א פרעהליכע מוזיק, און אנדערע ווערען אזוי בעגייסטערט אז זיי נעהמען זיך צוזאמען א רעדעל און געהען טאנצען.

דאס מערקווירדיגסטע דאבײ איז דאס וואס די מעהרסטע משוגעים אין האספיטאל זיינען גאנץ ארימע מענשען, פון די קבצנ'ישע טענעמענט דיסטריקטס וועיל די רייכע ווערען אין אלגעמיין געהאלטען אין פריוואט אסיילומס, דיזע ארימע אונגליקליכע משוגעים וואס האבען געוויס זיך ניט אנגעהערט צופיעל מוזיק, ווי גראדע גלייכען צו הערען מוזיק. און דוקא גוטע מוזיק, שעהנע פיהרענדע סעלעקציעס מאכען אויף זיי א גוואלדיגען איינדרוק און זיי בעטען מען זאל פאר זיי שפיעלען וואס מעהר, עס איז ביי זיי טייערער ווי עסען די בעסטע מאכלים ווי אונרוהיג זיי זאלען ניט זיין, קוים דערהערען זיי דעם ארקעסטער אין הערען ווי מען פאנגט אן אנסטרויען די כלים, זעצען זיי זיך אוועק ווי די סטאטועס אויף זייערע סיטס און זיצען פיעל מעהר סטאטשענע ווי אנדערע קלוגערע זיצען אין א טעאטער.

די מוזיקאנטען פון ארקעסטער זיינען בײ זיך געפעהרליך שטאלץ. טאמער בעמערקט איינער פון זיי אז יעמאנד לאכט פון איהם און מאכט שפאט פון זיין שפיעלען, בלייבט ער שטעהן אין מיטען דערינען און עס נעהמט א היבשע שטיק צייט ביז ער לאזט זיך איבערבעטען.

אין דער פריען אבטיילונג פון האספיטאל זיינען דא איינגע הונדערט פאלענע אקטריסעס און זינגערינס וועלכע זיינען משוגע געווארען דערפאר וואס דער מזל האט זיי ניט געדינט צו ווערען סטארס אויף דער ביהנע. גאנץ אפט מאכט זיך ווען די מוזיק געפעלט זיי, ווען מען שפיעלט בעקאנטע זאכען וואס זיי האבען אמאל געזונגען פאנגען זיי אן אינטערציהעלפען אין א כאהר, און ווען די איבריגע משוגעים קלאפען זיי בראווא, פערגייען זיי זיך מיט שטאלץ און מיט פערשיעדענע סטיידזש הו'לעך ריכטיג ווי זיי וואלטען זיין אויף א סטיידזש.

נאך'ן קאנצערט קומט פאר א באל. בלומישט וואו די פאציענטען טאנצען, און ווען די מוזיק בלייבט שטיל הויבען אן אויף זייערע געזיכטער שוועבען פינסטערע שאטענס פון מעלאנכאליע.

דאקטאר

יוליוס לעווין

דענטיסט

אפיס : 382 קווין וועסט קארנער ספעדינע עוו.

וועגען אפאינטמענטס טעלעפאנירט קאלעדזש 766

ליווי און פעלדמאן

545 קווין וועסט

מיר מאנופעקטשורען טשילדרען קאוטס און סוטלעך פאר באיעס און מיידלאך. אין מיר פערקויפען און מאכען איך צום ארדער דיטייל און האלסייל. טעלעפאן אדלייד 4792

אידישע נייעס פון דער אלטער היים

ארויסגענומען פון פארשיעדענע אידיש אייראפעאישע צייטונגען.

תפלה פאר אידישע סאלדאטען

דאס לובלינער טאגעבלאט מעלדעט אז אין לובלין איז אין „מהרש“ שוהל פארגעקומען א פייערליכע תפלה פאר די אידישע מיליטער לייט פון לובלינער גארניזאן לכבוד פילסודסקי:

שבת נאך 8 פריה האט מען געזעהען מארשירען צו דער שוהל אידישע סאלדאטען פון פערשיעדענע מילישער אבטיילונגען אונטער דער פיהרונג פון אידישע אפיציערען.

ארום 9 אוייער האבען זיך אין שוהל שוין געפונען עטליכע הונדערט אידישע סאלדאטען און א צעהנדליג אפיצירען. אין שוהל האבען זיך בעת'ן גאנצען דאווענען געפונען פערשיעדענע דעלעגאציעס פון מיליטער אמטען און עטליכע העכערע אפיצירען.

דער לייטער פון זעל זארגער אמט ה' פריימאן האט געדאווענט פאר'ן עמוד און פאר קריאת התורה געהאלטען א שטימונגספולע רעדע אין פויליש און שפעטער אין אידיש אין וועלכער ער האט ערקלעהרט די בעדייטונג פון דער פייערליכקייט. עליות האבען בעקומען בלויז מיליטער לייט.

נאך'ן דאווענען זיינען די סאלדאטען אין געשלאסענע רייהען מיט געזאנג צוריק געגאנגען פון שוהל.

א פראצעס וועגען אברייסען א בארקאט פלאקאט אין ווארשא.

אין פרידענס געריכט פון 12־טען בעצירק (טרעמבאצקא 1). איז פארגעקומען זעהר אן אינטערעסאנטער פראצעס צוליעב א געשיכטע וואס איז פארגעקומען צוליעב די בעריהמטע באיקאט פלאקאטען פון „ראזוואי“.

ווי עס איז באקאנט האט די בעריהמטע אנטיסעמיטישע געזעלשאפט „ראזוואי“ אויסגעקלעפט פלאקאטען אין די גאסען שטעלענדיג צו שאנד סלופ 28 קריסטען וועיל זיי האבען זייערע הייזער פארקויפט צו אידען. די אידישע שילער יצחק טשלענאוו 18 יאהר אלט און רפאל אראנסאן 16 יאהר אלט, זייענ־ לייענענדיג דעם פלאקאט ביי ראג סענאטארסקא און טעאטער פלאץ געווארען אזוי אויפגערעגט, אז איינער האט זיך אנגערופען: בעסער וואלט געווען ווען מען פערעפענטליכט די נעמען פון די וואס פערקויפען זייערע הייזער פאר

(פארזעצונג אויף זייט 6)

פעטש פאר רעדען אידיש אין טראמוויי.

הער נתן ליכטענשטיין גיט איבער פאלגענדען פאל אין לאדזער „פאלקס־בלאט“...

פאהרענדיג אין'ן טראמוויי נומער 8 אין פעטריקאווער גאס, האט ער זיין בעקאנטען יונתן וויינסבארד עפעס דערצעהלט אין אידיש. דאס האט זעהר אויפגערעגט איינגע פערזאן אין מיליטער מונדירען, וועלכע האבען זיך געפונען אין וואגאן און איינער האט איהם [illegible] ניט צו רעדען קיין זשארגאן. אויף דער פראגע מיט וואס פאר א רעכט מען שטערט צו רעדען אידיש, האט דער אויפגערעגטער פאסאזשיר געענטפערט אז נאר אין פאלעסטינא קען מען טאלערירען דאס רעדען זשארגאן. הער ל. האט דאן איבערגעריסען דאס אידיש רעדען און אויפמערקזאם געמאכט די פאסאזשירען אויף דער אונגעזעצליכקייט פון אזא פערבאט. דא האט איינער געשריי געגעבען „מילטש“ און אויף ליכטענשטיינען דערלאנגט איינגע העפטיגע פעטש.

די סצענע ווי די מונדירטע פאסאזשירען האבען געשטערט צו רעדען אידיש דעם הער ליכטענשטיין האט אויך ביינעוואוינט דער קאנדוקטאר נומער 288 פון זעלבען וואגאן.

א רשימה פון בעפרייטע אינטערנירטע.

פון די געפאנגען לאגערס אין ביאליסטאק און גראדנא איז בעשלאסען געווארען צו בעפרייען פאלגענדע אינטערנירטע אידען.

אסתר לעווין ס. לעווין און חוה הורוויטש פון סטארי דראגי.
דוד מעלצער, באברויסק.
אליעזר פישקעס רוביעוואיץ.
מאקס וועקסלער ווילנא.
יצחק דרייצער, מינסק
מאקס באסקין, באברויסק.
דוד לייזעראוויטש ווילנע
אהרן סימקין און אברהם פיין באטאיעוויץ.
גרשון ראזענבלום, באריסאוו.
ישראל כאטענעווער, אריה לייב מארשאק, אברהם ליפשיץ, יהודה עפשטיין יהודה מארגאלין און שלמה מאציעוויטש מינסק.
שלמה קראנהויז, זשעטשיצע, און אברהם נער, ברעסט ליטאווסק.

אנהויב יאהר אין מיטען יאהר אדער סוף יאהר

געלד דארף מען תמיד האבען

שפארען איז דער וועג צו געלד פארמאגען

עפענט אויף פאר זיך אדער פאר אייער קינד א סייווינג אקאונט דאס אפּגעשפארטע געלט וועט אייך שטענדיג צונוץ קומען

מיר צאהלען פראצענט האלב יעהרליך:

מר. ה. וויינבערג

BANKER

251 קווין סטריט וועסט
אין אפיס פון
„אידישען זשורנאל“